View in browser
If you no longer wish to receive these messages, please click Unsubscribe

קניידל
טעגליכע פאָרציע נייעס.

זונטאג ראה - כ"ג אב תשפ"ה
קניידל #479

קניידל אבזערוואציעס

טראמפ און פוטין אפגעהאלטן זיצונג אין אלאסקע, פוטין וויל דאנעצק ראיאן



אלאסקע - פרעזידענט טראמפ און דער רוסישער פרעזידענט פוטין האבן דעם פרייטאג אפגעהאלטן א זיצונג אין אן אמעריקאנער לופט-פלאטע באזע אין אלאסקע וואו זיי האבן דיסקוסירט אן אפמאך צו ענדיגן דעם טויטליכסטן קריג אין אייראפע זינט דער צווייטער וועלט קריג.

דער אוקראינישער פרעזידענט זאלענסקי איז נישט געלאדנט געווארן צו די געשפרעכן, אויפברענגענדיג זארג צווישן אייראפעאישער לענדער אז די פארהאנדלונגען וועט נישט זיין אין די בעסטע אינטערעסע פאר אייראפע און אוקראינע.

די זיצונג צווישן די צוויי פירער האט געדויערט דריי שעה, און ווייניג דעטאלן איז פארעפנטליכט געווארן פאר די פובליק. ביים זיצונג האט טראמפ איבערגעגעבן א בריוו פאר פוטין פון די ערשטע אמעריקאנער פרוי, מעלאניא טראמפ, וואו זי שרייבט אז עס איז צייט צו ענדיגן דעם טויטליכן קריג.

טראמפ האט געזאגט פאר דער אוקראינישער פרעזידענט זאלענסקי נאך די זיצונג אז פוטין האט פארגעשלאגן צו איינפרירן רוב פראנט ליניעס אויב קיעוו וועט אויפגעבן אויף די גאנצע דאנעצק ראיאן, די אינדוסטריאלע ראיאן וואס איז איינס פון מאסקאווע'ס הויפט צילן, האט א קוואל מיט אינערליכע אינפארמאציע באריכטעט.

אזוי אויך האט טראמפ געזאגט אז אוקראינע זאל מאכן אן אפמאך צו ענדיגן דעם קריג ווייל "רוסלאנד איז א גרויסע מאכט, אוקראינע איז נישט".

זאלענסקי האט אפגעווארפן דעם פארלאנג, לויט באריכטן. זאלענסקי האט געמאלדן אז ער וועט זיך טרעפן מארגן מאנטאג אין וואשינגטאן מיט פרעזידענט טראמפ צו דיסקוסירן ווייטערדיגע טריט צו שלום.

אין א סימבאלישער צייכן אויפן וועג קיין אלאסקע, האט פוטין געשטעלט א קראנץ בלומען ביי א דענקמאל אין רוסלאנד'ס ווייטן מזרח צו פאראייביגן די אמעריקאנער-סאוויעטישע קאאפעראציע בים צווייטן וועלט קריג.

נאך 40 פאליטישע קעגנער, אריינגערעכנט איסטאנבול דיסטריקט מעיאר, ארעסטירט דורך טערקישע פאליציי

טערקי - טערקישע פאליציי האבן ארעסטירט פרישע 40 מענטשן, אריינגערעכנט דעם מעיאר פון איסטאנבול'ס צענטראלן 'בייאגלו' דיסטריקט, אלס טייל פון א מאסיוו קארופציע אויספארשונג, האט די שטאטישע ראדיא 'טי-אר-טי' באריכטעט.

מעיאר אינאן גוני פון בייאגלו, א מיטגליד אין דער הויפט אפאזיציע פארטיי "רעפובליקאנער פאלקס פארטיי", איז דער 16'טער מעיאר וואס איז ארעסטירט געווארן אין טערקיי די לעצטע צייט אין א כוואליע ארעסטן דורך די רעגירונג פון ערדואן קעגן אפאזיציע מיטגלידער.

צווישן די וואס זענען שוין ארעסטירט געווארן צוליב זיך דער מעיאר פון איסטאנבול און הויפט פאליטישע קעגנער, עקרעם אימאמאגלו, וואס ווערט אויך באשולדיגט אין טעראריזם. אימאמאגלו און די אנדערע פאליטישע ארעסטאנטן לייקענען די באשולדיגונגען.

בס"ד
BEAUTIFUL HOUSE
IN MONTICELLO
Available to rent for week or weekend
- 5 Beautifully furnished BEDROOMS
- 2.5 Beautiful BATHROOMS
- Brand new modern KITCHEN
- Large DINNING ROOM

MINUTES WALK TO
SHULS & GROCERIES
Mikvah, meat, bakery, etc.
near the bustling MOTICELLO TOWN SQUARE MALL

Included with your stay with us:
- 10 Full Size Beds
- Beautiful outdoor grounds
- Linen - Towels - Essentials
- Hot plate - Urn
- Play-pans
- Kids playground

Call - Text - WA
845-420-7240

קניידל ביסן

וואשינגטאן - א פעדעראלע אפעלאט געריכט האט פרייטאג געאורטיילט אז די טראמפ אדמיניסטראציע קען אויפזאגן מאסן ארבעטער פון די קאנסומער פינאנציעלע פראטעקשאן ביורא, און האט געאורטיילט אז א נידריגערע געריכט האט נישט געהאט יורידיקציע צו צייטווייליג בלאקירן די שריט.



מיטל מזרח - צום ערשטן מאל האט סינגאפור זיך אנגעשלאסן אין די אינטערנאציאנאלע הומאניטארישע הילף מיסיע אין עזה, און האט דעם פרייטאג אראפגעווארפן פון די לופטן 127 פאלעטן מיט עסן, צוזאמען מיט די פאראייניגטע אראבישע עמיראטן, ירדן, דייטשלאנד, בעלגיע, פראנקרייך און איטאליע.


יטום תוואי תת-קרקעי שאותר במרחב בית חאנון
אורך התוואי שנאטם כ-7 קלומטרים
*אילוסטרציה

מדנ"י - די אײ.די.עף. האט געמאלדן אז זי האט פארשטאפט זיבן קילאמעטער פון כאמאס טונעלן אין צפון עזה'ס בית חנון אומגעגנט ניצנדיג בעטאן צו אנפילן די טונעלן. ארום 48,000 טאן פון בעטאן זענען אריינגעגאסן געווארן אין די כאמאס טונעלן נעץ. גלייכצייטיג האט די אײ.די.עף געמאלדן איבער א באזונדערע כאמאס טונעלן נעץ פון 2.4 קילאמעטער וואס זי האט אויפגעריסן און פארניכטעט.



קאנאדע - די 'טאראנטא אינטערנאציאנאלע פילם פעסטיוואל' האט געמאלדן אז זי וועט אויפשפילן א דאקומענטאציע-פילם איבער די אקטאובער זיבן אטאקע, נאך וואס זי איז אויסגעשטאנען שארפע אינטערנאציאנאלע קריטיק פארן אפזאגן דאס צו אויפשפילן צוליב וואס "זי האט נישט באקומען ערלויבעניש פון כאמאס".

פאקיסטאן - כאטש 194 מענטשן זענען אומגעקומען אין די לעצטע טעג אין פאקיסטאן נאך שווערע פארפלייצונגען און מאראסט גליטשן. א מערהייט פון די טויטפעלער האבן פאסירט אין די פאקטונקווא פראווינץ אין צפון-מערב פאקיסטאן. כאטש 30 הייזער זענען פארניכטעט געווארן אין די פארפלייצונגען.

מדנ"י - דער עקסטרעם-רעכטער מדנ"י נאציאנאלער זיכערהייט מיניסטער איתמר בן-גביר האט אפגעשטאט אן איבערראשנדע באזוך אין א טורמע וואו ער האט זיך געטראפן מיטן ארכי-טעראריסט, דער פאלעסטינער מארוואן בארגוטי פון דער פאטאך באוועגונג. בן-גביר האט אים אנגעקוקט מיט האס, און געזאגט "מיר וועלן אומברענגען יעדער וואס הרגעט אונזערע קינדער און פרויען".

פינאנציעלע קניידל

די אמעריקאנער רעגירונג איז אין געשפרעכן צו קויפן א שותפות אין אינטעל

שעירס אין אינטעל האבן צוגעזען שיינע וואוקסן נאך וואס א בלומבערג באריכט דעקט אויף אז די אמעריקאנער רעגירונג איז אין געשפרעכן צו קויפן א שותפות אין די פירמע געפלאגטע טשיפ ריז. אויפן וואך זענען איז די פירמע'ס סטאק פרייז געוואקסן מיט 23%.

דאס איז א טייל פון טראמפ'ס אגענדע צו פארברייטערן אמעריקע'ס זעלבסטשטענדיגקייט אין טשיפ טעכנאלאגיע און פארמערן פראדוקציע אין לאנד.

אינטעל'ס סי-אי-או ליפ-בו טאן האט זיך געטראפן מיט פרעזידענט טראמפ פאר א זיצונג מאנטאג נאך וואס די פרעזידענט האט פארלאנגט זיין רעזיגנאציע און אים באשולדיגט מיט פארבינדונגען צו כינע.

מארטגעדזש ראטעס האבן דערגרייכט די נידריגסטע פונקט פאר יאר 2025 ווען די דורכשניטליכע 30-יעריגער מארטגעדזש ראטע איז געפאלן צו 6.58% - די נידריגסטע זינט אקטאבער 2024, לויט דאטא פון פרעדי מעק.

די אײ-טי ריז אקסענטור האט דערגרייכט א אפמאך צו אפקויפן די אויסטראלישע סייבער-סעקיורעטי פירמע 'סייבער-סי-עקס' פאר $650 מיליאן. די געשעפט שטרייכט אונטער די וואקסענדע גלאבאלע פארלאנג פאר דיגיטאלע זיכערהייט סערוויסעס.

Affiliated with a team of professional accountants
CASH
BOOST
INCREASE YOUR BUSINESS CASH FLOW WITH PRECISE LOANS AND LINES OF CREDIT
OUR IN-HOUSE CPA'S AND CREDIT PROFESSIONALS WILL ENSURE THAT YOUR APPLICATION IS APPROVED AND THAT YOU RECEIVE MAXIMUM FUNDS.
Levy Leifer
Business Funding Specialist
FUNDI
Business Loans - Lines Of Credit
347.455.8536
Levy@fundipros.com

געזונטע קניידל

וואוקס פון מיזעלס פעלער אין צפון אמעריקע

די "פען אמעריקען געזונטהייט ארגעניזאציע' (PAHO) האט געמאלדן א וואוקס אין מיזעלס פעלער אין צפון אמעריקע, צווישן די פאראייניגטע שטאטן, קאנאדע, און מעקסיקא.

די אויסברוכן זענען פארבונדן מיט וואקסינאציע דעקונג, האט די יו.ען. אגענטור געזאגט, און האט דערביי ארויסגעשטעלט דאטא וואס צייגט אז 71% פון די פעלער זענען אומוואקסינירטע פאציענטן און 18% ביי מענטשן וואס עס איז נישט באקאנט זייערע וואקסינאציע סטאטוס.

שעירס פון יוניטעד העלט שטייגט נאך אינוועסטירונג פון ווארען באפעט

שעירס פון יוניטעד העלט גרופע זענען געשטיגן מער ווי 13% דעם פרייטאג נאך וואס דער לעגענדארער ביליאנער ווארען באפעט'ס אינוועסטירונג פירמע בערקשער העטעוועי האט געקויפט 5 מיליאן שעירס פון די פירמע.

שעירס פון די געזונטהייט אינשורענס ריז האבן פארלוירן כמעט העלפט פון זייער ווערט אין די לעצטע יאר, ווען די פירמע האט זיך געפלאגט מיט שטייגנדע געזונטהייט קאסטן און א רייע ענדערונגען אין רעגירונג פראגראמען.

לאקאלע קניידל

3 פייערלעשער פארוואונדעט אין אפער איסט סייד פייער

מאנהעטן - דריי פייערלעשער זענען לייכט פארוואונדעט געווארן ביים פארלעשן א פייער וואס האט אויסגעבראכן פרייטאג צופרי אין אן אפארטמענט געביידע אין אפער איסט סייד פון מאנהעטן.

די פייער האט זיך אנגעהויבן אויפן דאך פון א געביידע ביי 305 איסט 95סטע סטריט, און האט זיך בליץ-שנעל פארשפרייט צו אפארטמענטס אויפן אויבערשטן שטאק פונעם געביידע. די אורזאך צום פייער איז אונטער אויספארשונג.

ניו יארק סיטי קאונסיל באשטעטיגט פלאן צו שאפן 9,500 אפארטמענטס

ניו יארק סיטי - דער ניו יארק סיטי קאונסיל האט באשטעטיגט א פלאן פאר א $448 מיליאן פראיעקט וואס וועט שאפן איבער 9,500 אפארטמענטס אויף די 34סטער סטריט אין דרום מידטאון מאנהעטן.

די מאסיווע פראיעקט נעמט אריין צווישן אנדערע א באזונדערע פלאן פאר א ביציקל ליניע, א באס ליניע, רענאווירונג פאר א סובוועי סטאנציע, און הונדערטער ביימער וואס וועלן ווערן איינגעפלאנצט.

ניו יארק סיטי מעיאר עדעמס האט 30 טעג צו באשטעטיגן אדער וועטאאירן דעם פלאן.

אידישע קניידל

פראנצויזישער מאקרון פארדאמט "אנטיסעמיטישע האס" נאך וואס אנדענק בוים איז געווארן אפגעשניטן

דער פראנצויזישער פרעזידענט מאקרון, פרעמיער מיניסטער פראנקווא ביירו, און אנדערע רעגירונגס באאמטע האט שארף פארדאמט "אן אקט פון אנטיסעמיטישע האס" נאך א בוים וואס איז געפלאנצט געווארן אין אנדענק פון א יונגן פראנצויזישן אידישן מאן וואס איז געפייניגט געווארן צום טויט אין 2006 איז אפגעשניטן געווארן אין א געגנט נעבן פאריז.

אין יאנואר 20, 2006, איז דער 23-יעריגער אילן האלימי פארכאפט געווארן דורך א באנדע יוגנטליכע, וועלכע האבן אים געפייניגט פאר לאנגע טעג.

צוליב זיין אידישן אפשטאם, האט די באנדע געגלויבט אז זיין פאמיליע איז רייך, און האבן געפאדערט א גאר גרויסע סומע אויסלייז געלט. ער איז געפונען געווארן דריי וואכן שפעטער צוגעבינדן אין א קעלער פון א געביידע, אבער איז אומגעקומען פון די וואונדן אויפן וועג צום שפיטאל, הי"ד.

אן איילבירטן בוים, וואס איז געפלאנצט געווארן אין 2011 אין זיין אנדענק, איז דעם דאנערשטאג געווארן אפגעשניטן. אן אינצידענט וואס האט אויפגעוועקט פרישע זארגן איבער די וואקס פון אנטיסעמיטישע האס קעגן אידן אין פראנקרייך.

מעסאטשוסעטס מאן פאראורטיילט צו 26 חדשים טורמע פאר טויט-סטראשונקעס קעגן אידן

א מאן פון מעסאטשוסעטס איז פאראורטיילט געווארן צו 26 חדשים טורמע נאך וואס ער האט געסטראשעט צו באמבאדירן שולן און הרגענען אידישע קינדער אין א סעריע טעלעפאן רופן וואס ער האט געמאכט צו לאקאלע אינסטיטוציעס און דער מדנ"י קאנסולאט אין באסטאן.

דזשאן רירדאן, 60, איז פאראורטיילט געווארן דורך א דיסטריקט ריכטער, נאך וואס ער האט זיך מודה געווען צו באשולדיגונגען איבער די צענדליגע אנטיסעמיטישע טויט-סטראשונקעס טעלעפאן רופן וואס ער האט געמאכט צו אידישע אינסטיטוציעס, שולן און שולעס זינט אקטאבער זיבן.

און וויאזוי זאגט מען 'גאגעלס' אין אידיש?
ס'האט נישט קיין ווארט אבער מלבוש האט עס.
MALBISH

שידוכים קניידל

החתן **יחיאל מיכל** נ"י בן מו"ה **יואל ברוינער** הי"ו (וומס"ב)
עב"ג בת מו"ה **מאיר אברהם גראס** הי"ו (ק"י)
שדכן **אשת** מו"ה **ליפא זינגער** הי"ו (ק"י)

החתן **יעקב** נ"י בן מו"ה **לוי הערש פריינד** הי"ו (ב"פ)
עב"ג בת מו"ה **יואל גרינפעלד** הי"ו (מאנסי)
שדכן מו"ה **עזרא דייטש** הי"ו (מאנסי)

החתן **חיים שלמה** נ"י בן מו"ה **אברהם צבי רייכמאן** הי"ו (וומס"ב)
עב"ג בת מו"ה **אלי' טויסיג** הי"ו (ב"פ)
שדכן **אשת** מו"ה **דוד שווארטץ** הי"ו (ב"פ)

Kneidel Inc | 2 Perlman Drive, Monsey, NY 10977
845-237-9385
If you no longer wish to receive these messages, please click Unsubscribe